**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול רעקאמענדירט דזשאסטין אי. דריסקאל צו דינען אלס פרעזידענט און CEO פון דער ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט**

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט רעקאמענדירט דזשאסטין אי. דריסקאל צו דינען אלס פרעזידענט און CEO פון דער ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט. אויפ'ן באשטימונג דורך דעם NYPA באָורד אָוו טראָסטיס, און נאכ'ן באשטעטיגן דורכ'ן סענאט, וועט מר. דריסקאל ווייטער פירן דער לאנד'ס גרעסטע סטעיט-באזיצטע עלעקטריש יוטיליטי פירמע.

"אין א צייט ווען ניו יארק פירט דעם קאמף קעגן קלימאט ענדערונג און טוט גיך זיך אריבערציען צו ריינע ענערגיע, דארף NYPA שטארקע וויזיאנערישע פירערשאפט אויפ'ן העכסטן שטאפל," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "דזשאסטין דריסקאל ברענגט די נייטיגע קענטעניס צו פירן דעם לאנד'ס גרעסטער סטעיט-באזיצטע יוטיליטי פירמע און אויסניצן ניו יארק'ס ענערגיע רעסאָרסן צו שטיצן אונזערע קלימאט צילן און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג. איך קוק ארויס צו ארבעטן נאענט מיט דזשאסטין צו שטעלן ניו יארק אויף דעם אויסגעצייכנטן וועג פאראויס."

מר. דריסקאל איז באשטימט געווארן דורך NYPA'ס באָורד אָוו טראָסטיס צו דינען אלס צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO אין אקטאבער און האט זינט דאן געפירט NYPA'ס ווייטערדיגע טראנזיציע צו א קאַרבאָנלאזע עלעקטרישע יוטיליטי פירמע אויף צו שטיצן ניו יארק'ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט צילן. די גאווערנער'ס רעקאמענדאציעס קומען נאך א נאציאנאלער זוכעניש און אנערקענט די ארבעט וואס מר. דריסקאל האט אויפגעטון אין די פארלאפענע יאר.

**NYPA צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין דריסקאל האט געזאגט,** "עס איז מיר א כבוד צו האבן די פולשטענדיגע קאנפידענץ פון גאווערנער האוקול צו פירן דער ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט אזוי ווי מיר פירן פאראויס דער סטעיט'ס לאנד-וועגווייזיגע טראנזיציע צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע. מיט די אויסגעצייכנטע מאנשאפט פון טרייע שטאב ביי NYPA און אונטער די פירערשאפט פון דער גאווערנער שטייט ניו יארק גרייט, היינט מער פון אלעמאל, צו שאפן א ווידערשטאנד-פעאיגע, פארלעסליכע און ריינע ענערגיע אינפראסטרוקטור פאר פילע יארן אינ'ם צוקונפט."

מר. דריסקאל האט פריער געדינט אלס הויפט לעגאלע באאמטער פון NYPA. בעפאר זיך אנשליסן מיט NYPA איז דזשאסטין געווען פארמישט אין די פריוואטע פראקטיק פון געזעץ און פארטרעטן קליענטן וועלכע האבן אריינגערעכנט פאָרטשון 500 קאמפאניס, רעגירונג אינסטאנצן און ענערגיע פירמעס, אין קאמפליצירטע קאמערציעל ליטיגאציע און רעגולאטארישע אנגעלעגנהייטן.

מר דריסקאל דינט אויף עטליכע באָורדס אריינגערעכנט דער 'פארבאנד צו ראטעווען ענערגיע', ניו יארק סיטי'ס 'אורבען גרין קאונסיל', דער 'גרויסער פובליק ענערגיע קראפט קאונסיל', און דער 'וועלטס רעסאָרסן אינסטיטוט' אלוועלטליכע ענערגיע ראט קאמיטע.

מר. דריסקאל איז א גראדואירטער פון ׳אמעריקען יוניווערסיטי׳ אין וואשינגטאן די-סי מיט א בעטשלער׳ס דעגרי פון דער סקול פון פובליק אנגעלעגנהייטן. ער האט באקומען זיין געזעץ דיפלאם פון ניו יארק לאו סקול און שטודירט אין דעם ניו יארק אוניווערסיטעט געזעץ שולע LLM פראגראם אין האנדלעריי רעגולאציע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418